# שִׂיחוֹת הָראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת שופטים שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# באטע ליל שבת קודש פרשת ואתחנן - נחמו שנת תש"פ לפרט קטן

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: עס שטייט אין מדרש (דברים רבה יא, ט): משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל אריין גיין אין ארץ ישראל - פינף הונדערט און פופצן תפילות, אזויפיל וויפיל דאסווארט 'ואתחנן' באטרעפט, האט אים דער אייבערשטער געזאגט (דברים ג, כו) "רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה".

מוהרא"ש זכרונו לברכה איז דאס מסביר: א מענטש דארף וויסן אז ער קען אלעס פועל'ן ביים אייבערשטן, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיא): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל, לְכָל טוּב, לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת", דורך תפילה קען מען אלעס באקומען; זעט מען פון דעם די גרויסע כח וואס תפילה האט אז מען קען אלעס באקומען דורך בעטן דעם אייבערשטן.

אבער ווען מען בעט דעם אייבערשטן דארף מען האבן זייער אסאך סבלנות נישט אויפצוהערן בעטן ווען מען זעט אז עס גייט אריבער א לאנגע צייט און מען זעט נאך נישט די ישועה; מען דארף וויסן אז יעדע זאך וואס מען וויל פועל'ן האט א סכום וויפיל תפילות עס פאדערט זיך אויף דעם, אמאל איז מען זוכה צו באקומען די ישועה נאך צוויי תפילות און אמאל נאך פינף, און אמאל נאך צוואנציג, און אמאל נאך פופציג תפילות, און אמאל פעלט זיך אויס פינף הונדערט און זעכצן תפילות; דאס איז אבער זיכער אויב מען געבט נישט אויף, מען עקש'נט זיך ביים אייבערשטן וועט מען צום סוף געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מען דארף.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: עס איז גרינגער פאר א מענטש זיך מייאש זיין און שלום מאכן מיט זיין מצב, "מוחל טובות עס איז מיר שוין גוט אזוי", ווי איידער ווייטער מתפלל זיין און נישט אויפגעבן. אבער א מענטש דארף וויסן, עס קען זיין אז דורך נאך איין

תפילה וואס דו גייסט יעצט מתפלל זיין - דאס וועט דיר ברענגען דיין ישועה; דאס לערנען מיר זיך די וואך פון משה רבינו, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל אריינגיין אין ארץ ישראל פינף הונדערט און פופצן תפילות, און ווען משה רבינו וואלט ווען געבעטן נאך איין תפילה וואלט ער זוכה געווען אריין צו גיין אין ארץ ישראל, אפילו נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געהאט געשוואוירן אז ער וועט נישט קענען אריין גיין אין ארץ ישראל, איז תפילה שטערקער פון אלעם און ער וואלט עס געקענט פועל'ן מיט תפילה, זעט מען פון דעם אז מען טאר נישט אפלאזן תפילה, מען דארף בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן ביז דער אייבערשטער העלפט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס מסביר געווען: פונקט ווי א קליינטשיק קינד וואס דארף א לאלי, ער בעט זיין טאטען: "טאטי, איך דארף א לאלי", דער טאטע זאגט: "ניין, באקומסט נישט קיין לאלי", אבער דאס קינד געבט נישט אויף, ער בעט נאכאמאל און נאכאמאל, ער בעט טויזנט מאל, ערווארפט זיך אראפ ער האקט די קאפ אויף די ערד, ער מאכט א הונגער סטרייק - ער וויל נישט עסן ווילאנג ער באקומט נישט וואס ער וויל, ביז דער טאטע זעט אז עס איז נישט דא קיין אנדערע ברירה מיט אים מען מוז אים נאכגעבן, זאגט דער טאטע: "שא, דא האסטו דעם לאלי און הער שוין אויף צו פארפירן"; די זעלבע איז ביים אייבערשטן, אז דער אייבערשטער זעט ווי דער מענטש געבט נישט אויף, ער בעט און בעט אן אויפהער, זאגט דער אייבערשטער: "דא האסטו דיין ישועה", אבער אז דער מענטש האט נישט קיין סבלנות - ער האט נישט קיין געדולד אויסציווארטן זיין ישועה, ער זאגט: "ס'איז מיר גוט אזוי, איך דארף מער נישט קיין פרנסה, איך דארף מער נישט קיין שידוך", וועט ער עס טאקע נישט באקומען.

זאגט אבער דער ראש ישיבה שליט"א: מען דארף וויסן ווי אזוי צו בעטן און זיין אן עקשן, מען מעג טאקע בעטן אן אסאך מאל, אבער מען קען נישט ווערן ברוגז אויפ'ן אייבערשטן: "פארוואס בין איך נישט געהאלפן געווארן"; אויך קען מען נישט קומען צום אייבערשטן מיט געוואלד, מיט א חוצפה, נאר מען דארף בעטן מיט רחמנות: "רבונו של

עולם איך ווארט שוין אזוי לאנג געהאלפן צו ווערן פון דעם פראבלעם, איך בעט דיך העלף מיך שוין".

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: "טייערע בחורים! ווען עטס וואלטס ווען געוואוסט וואס עס טוט זיך אפ אין הימל ווען א בחור רעדט ארויס איין ווארט צום אייבערשטן וואלט עטס נישט אויפגעהערט צו רעדן צום אייבערשטן".

א בחור איז זייער צעבראכן; ער טראכט אין זיין מח: "קיינער דארף מיך נישט, דער ראש ישיבה דארף מיך נישט; פון אינדרויסן קוקט אויס ווי איך קום פון א שיינע משפחה, אבער אינעווייניג איז די גאנצע משפחה צעריסן אויף שטיקער; מיינע חברים זענען נישט אינטערעסירט אין מיר", און יעצט זעט ער ווי ער בעט אזויפיל מאל דעם אייבערשטן און ער איז נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן מאכט ער אפ 'עס מוז זיין אז דער אייבערשטער דארף מיך שוין אויך נישט'; אסאך מאל ווערט מען אזוי צובראכן און מען טראכט ביי זיך: 'דער רבי וואס האט צוגעזאגט ער קען יעדעם איינעם העלפן - אבער מיך קען ער שוין נישט העלפן', און ער מאכט אפ שטילערהייט וואס איז שוין מיין אומאן ווערט, וואס וועל איך אויפטון, און ער פארט שוין נישט קיין אומאן אויף ראש השנה.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א די אלע מחשבות וואס דרייען זיך אין דיין קאפ זענען נישט ריכטיג, יעדער דארף דיך; דער רבי דארף דיך, דער אייבערשטער דארף דיך. דער פראבלעם איז אז 'דו דארפסט דיך נישט', דו ביסט דיין גרעסטער שונא דו האלסט דיך אין איין אראפ קלאפן: "קיינער דארף מיך נישט", "קיינער דארף מיך נישט", "קיינער דארף מיך נישט"; אבער דער אייבערשטער דארף דיך יא, דער אייבערשטער דארף יעדן איד, דער אייבערשטער ווארט צו הערן דיין קול, ער וויל הערן דיין געשריי.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: ווען דער מענטש וואלט ווען געוואוסט וואס דאס 'רעדן צום אייבערשטן' איז, ווי דער אייבערשטער הערט צו יעדעס ווארט וואס גייט ארויס פון דיין מויל וואלסטו דאך געגאנגען אביסל שפאצירן מיט'ן אייבערשטן און אויסגעשמועסט דיין

גאנצן הארץ צום אייבערשטן.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: עס איז גרינגער פאר א מענטש צו פארברענען א גאנצע נאכט מיט חברים מיט צוגרעטלעך, ווי צו רעדן אפאר ווערטער צום אייבערשטן; מען דארף טאקע שמועסן מיט חברים, נעם אבער אראפ אביסל צייט פונעם טאג צו רעדן צום אייבערשטן; דער יצר הרע האט אבער זייער מורא אז א מענטש זאל רעדן צום אייבערשטן, מען זעט אז דער סמ"ך מ"ם וועט אלעס לאזן דעם מענטש טון, אבי נישט רעדן צום אייבערשטן, אפילו לערנען ח"י פרקים משניות איז גרינגער ווי צו עפענען דאס מויל און רעדן צום באשעפער.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער: גיי אביסל אויפ'ן ראוד אדער אין וואלד און שפאציר מיט'ן אייבערשטן, רעד אויס דיין הארץ צום אייבערשטן. און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: בעפאר איך בין געקומען צום שטעטל האב איך געמיינט 'א וואלד איז א שרעקעדיגע זאך', אבער זייט איך בין געקומען אין שטעטל און איך האב דורכשפאצירט דעם שארט קאט אינעם וואלד האב איך געזען אז דאס איז גארנישט מיט נישט, עס איז פשוט ביימער, עס איז נישט קיין 'וואלד', די אלע גערודער וואס מען הערט ארויס פון דארטן זענען נישט קיין חיות, דאס זענען קליינע מאוקאשלעך וואס טאנצן ארום און מאכן א גרודער.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: א בחור האט איין תפילה: "רבונו של עולם, איך בין אזוי צעבראכן, געב מיר א ישועה, איך דארף א שידוך".

מען טאר נישט זאגן: "איך האב שוין געבעטן אזויפיל מאל - איך וועל שוין נישט געהאלפן ווערן"; איך האב געהאט אין ישיבה בחורים וואס האבן געבעטן דעם אייבערשטן "צען טויזנט מאל" ביז זיי האבן באקומען זייער שידוך, אויך זענען געווען בחורים וואס האבן געמאכט "מיליאן" תפילות ביז דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן זי האבן געטראפן זייער שידוך.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פון א בחור וואס אלע

האבן געטראכט אויף אים: 'ער וועט שוין קיין חתן נישט ווערן, ער וועט בלייבן א בחור'; ער האט געוואוינט אין ישיבה, במשך'ן טאג האט ער געלערנט און געמאכט סידו"ס פאר הפצה, שבת איז ער אויך געווען אין ישיבה, ער האט געגעסן מצה מיט פינאט באדער פאר די סעודות, אבער ער האט געלערנט אסאך משניות און אסאך געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן זיין שידוך, ער האט געהאט א 'קליקער' וואס ציילט די נומערן, אזוי האט ער נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן פאר א שידוך און ביי יעדע תפילה האט ער געדריקט מיט'ן קליקער צו האלטן חשבון דעם וויפילטע תפלה דאס איז, ווען ער איז ברוך השם א חתן געווארן האט ער געהאלטן ביי "דריי מיליאן תפילות!" - און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויס געברענגט וואס מיר דארפן זיך ארויס לערנען דערפון "אז מען טאר נישט ווערן צעפאלן זעענדיג ווי מען האט געבעטן און מען איז נישט געהאלפן געווארן ווי מען זעט ביי דעם מעשה אז מיט עקשנות האט מען דורכגעבראכן א גרויסע ישועה". און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: ווער ווייסט צי די לעצטע תפלה האט געברענגט דעם שידוך?! היינט צוטאגס האט ער ברוך השם א שיינע שטוב, ער האט א ווייב און קינדער, עס פעלט אים גארנישט.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: "זיי נישט קיין בטלן, מאך נאך איין תפלה צום אייבערשטן, 'הייליגער באשעפער איך וויל חתונה האבן'. ווער דען וועט דיר געבן א שידוך? דער שדכן און דער יוקל?" - א שידוך קומט נאר פונעם אייבערשטן.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: בכלל איז זייער אן עקלדיגע זאך אז בחורים זאלן רעדן פון שידוכים, 'דער מיידל און יענע מיידל', און די זעלבע איז ביי די מיידלעך, 'דער בחור יענע בחור', דאס איז א עקלדיגע זאך, א שידוך זאלסטו נאר בעטן פונעם אייבערשטן, חס ושלום צו רעדן מיט א חבר: 'די מיידל איז א שיינע... די מיידל איז א מיאוס'ע...' - דאס איז 'ניבול פה' רחמנא ליצלן!

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעענדיגט מיט נאך אן עצה פאר א שידוך: במשך אלע יארן אין ישיבה האב איך געזען, די אלע תלמידים

וואס האבן געהאלפן די ישיבה האבן גרינג געטראפן זייער שידוך. דער רבי בלייבט קיינעם נישט שולדיג, ווי דער רבי האט געזאגט: "בַּיי וֶועם אִיךְ נֶעם - גֶעבּ אִיךְ".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: א שידוך איז נישט אלעס, אפילו מען האט שוין געטראפן א שידוך דארף מען נאך אלץ צוקומען צום אייבערשטן, מען קען זיין א געלונגענער אינגערמאן און א געלונגענע פרוי - און נישט האבן קיין הצלחה אין לעבן, ס'איז א טויטע שטוב, ווייל זיי האבן האבן אלעס אויסער דעם אייבערשטן, זיי האבן נישט אריין גענומען דעם אייבערשטן אין זייער לעבן, עס איז נישט דא קיין השראת השכינה דארט.

מען קען נישט זוכה זיין צו קיין שום זאך אן תפלה; דורך תפלה וועסטו באקומען שלום בית, דורך תפלה וועסטו זיין ראש השנה אין אומאן; ווער עס טראכט 'אין וועל זיכער זיין אין אומאן, איך האב דאך שוין א פאספארט, איך האב דאך שוין א טיקעט' דער איז נאכנישט פארזיכערט אז ער וועט טאקע זיין אין אומאן, עס קען פאסירן די לעצטע מינוט א פלוצלינג'דיגע אפהאלט, א דריי אויס מיט'ן פיס און דו בלייבט דא אויף ראש השנה, דערפאר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם איך וויל זוכה זיין צו זיין ראש השנה אין אומאן".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט: אפילו מען איז שוין אין אומאן דארף מען אויך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל טאקע זיין אין אומאן ווייל מען קען זיין אין אומאן - און מען איז נישט אין אומאן! ליידער זענען דא בחורים וואס ווייסן נישט פארוואס זיי זענען געקומען קיין אומאן, מען שיכור'ט זיך אן, מען נעמט דראג"ס לא עלינו, אדער טוט מען רחמנא ליצלן עבירות, השם ישמרינו - דאס הער איך פון בחורים וואס איז געווען מיט זיי בעפאר זיי זענען אריין אין ישיבה; דערפאר, אפילו מען איז שוין זוכה אז מען איז אין אומאן דארף מען נאך אלץ בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל טאקע זיין אין אומאן.

מען פארט קיין אומאן צוליב איין סיבה: אויס צו בעטן א גוט יאר. ווער האט דען געקענט טראכטן פאריאר ראש השנה זאגענדיג דעם פיוט:

"וְעַל הַמְּדִינוֹת בּוֹ יֵאָמֵר אֵיזוֹ לַחֶרֶב וְאֵיזוֹ לַשָּׁלוֹם, אֵיזוֹ לָרָעָב וְאֵיזוֹ לַשּׂבַע", ווי דאס אלעס גייט זיך אפשפילן דאס יאר אין די וועלט; היינט ווייסט מען שוין גאר גוט וואס מען דארף בעטן ראש השנה, ווער האט כח פאר נאך אזא יאר ווי תש"פ, ווער האט זיך געקענט חלומ'ען אין חודש שבט וואס עס גייט פאסירן, אנגעהויבן האט זיך עס מיט די 'קאראנע ווירוס' ווי די גאנצע וועלט האט זיך אויפגעשאקלט, דערנאך איז געקומען די צרה ווי די שווארצע זענען געווארן צעווילדעוועט, זיי זענען ארום געגאנגעם פראטעסטירן אין די גאסן און אנגעמאכט שאדן און שרעק איבעראל, די פאליציי האבן עס נישט געקענט אפשטעלן וכו' וכו'.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: איך בין שוין אין אומאן, מיין מח איז שוין ביים רבי'ן אין אומאן און אין אמת'ן וואלט איך שוין געפארן קיין אומאן נאר דער רבי האט אויפגעפאדערט פון זיינע מענטשן מען זאל זיין אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א צוריק צום ענין פון בעטן אסאך דעם אייבערשטן: מענטשן האבן ליב גראדע נומערן, הונדערט תפלות, צוויי הונדערט תפילות וכו', אבער דא זעט מען ביי משה רבינו פארקערט, ער האט שוין געהאט געבעטן פונעם אייבערשטן פינף הונדערט און פופצן תפילות, דאך וואלט די פינף הונדערט און זעכצנטע תפילה געברענגט די ישועה.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: אפילו א מענטש וואס בדרך הטבע קען ער נישט האבן קיין ישועה - דאך וואס תפלה קען פועל'ן קען קיין שום זאך נישט פועל'ן, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תפילה איז משנה די טבע; דאס האב איך שוין געזען פילצאליגע מאל אין ישיבה מיט 'בחורים' וואס בדרך הטבע איז נישט דא א מיידל וואס זאל אים ווערלן נעמען, אבער דורך אסאך תפילות וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן האבן זיי געטראפן זייער שידוך; און די זעלבע איז מיט 'קינדער האבן', איך ווייס פון עטליכע תלמידים וואס האבן געהאט קינדער חוץ לדרך הטבע - איך קען דאס נישט זאגן מיט קיין נעמען,

דאס זענען פריוואטע מעשיות - אבער מען האט באשיינפערליך געזען מיט די אייגענע אויגן דעם כח וואס תפילה האט.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער: נאר דער אייבערשטער געבט קינדער, דער דאקטער קען נישט געבן קיין קינדער; און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע סגולות געהאלפן צו ווערן מיט קינדער: אז מען געבט צדקה קען מען זיך אויסבעטן קינדער; נאך א סגולה, אז איינער האט דיך פארשעמט, האסט געכאפט א בזיון ענטפער נישט צוריק נאר גיי אין א זייט בעט דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער געב מיר קינדער", אזוי אויך אז דו ווייסט פון א צווייטער וואס האט געכאפט א בזיון קענסטו יענעם בעטן ער זאל מתפלל זיין פאר דיר, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות אות בושה, סימן יא): "כְּשֶׁבָּא עַל אָדָם אֵיזֶה בּוּשָׁה, יְצַפֶּה לִישׁוּעָה", ווען א מענטש ווערט פארשעמט קען ער אויסבעטן א ישועה; און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: איך ווייס פון אינגעלייט וואס האבן זוכה געווען צו קינדער אדער צו אנדערע ישועות דורכ'ן נישט צוריק ענטפערן א בזיון, זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער, נעם דעם בזיון און ברענג מיר א ישועה, א שידוך, א רפואה, וכדומה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין לענגערע שמועס אינעם ענין פון 'ברית מילה' שטייענדיג בעפאר א ברית מילה וואס איז פארגעקומען שבת קודש שבת צופרי אין בית המדרש. און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: אם ירצה השם מארגן ביים ברית מילה וועלן מיר האבן א גרויסער גאסט ביי אונז אין בית המדרש, ווי די הייליגע חכמים זאגן (פרקי דרבי אליעזר פרק כט) אז אליהו הנביא קומט צו יעדע ברית מילה; דערפאר בעט איך אפילו ווער עס שטייט געווענליך אויף שבת צופרי - שפעט, די וואך זאל ער אויפשטיין פריער, און אזוי אויך די וואס גייען נישט אין מקוה יעדן שבת זאלן דעם שבת יא גיין אין מקוה.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: ווען מוהרא"ש האט זיך דערוואוסט אלס בחור פון הייליגן רבי'ן און האט געזען ווי שטארק דער רבי פארלאנגט צו גיין אין מקוה, פלעגט מוהרא"ש גיין יעדן שבת

צופיס צו א מקוה - גייענדיג א שעה אהין און א שעה צוריק, ווייל דארט ווי מוהרא"ש'ס טאטע זכרונו לברכה האט געוואוינט איז נישט געווען קיין מקוה.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: אז מען ווייסט דאס חשיבות דערפון איז דא נישט קיין שווערע זאך, ווייל יעדע שווערע זאך וואס מען ווייסט דאס חשיבות ווערט דאס גרינג און געשמאק צו טון. איינער פון די אינגעלייט האבן מיר דערציילט, זיין שווער איז געווען דא אין שטעטל אויף א שבת, ער האט מורא'דיג הנאה געהאט פונעם שבת, ער האט ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון גרויס התרגשות, וואוינענדיג ווייט פונעם בית המדרש האט זיי געדויערט דעם וועג צום בית המדרש א דריי פערטל שעה, האט דער שווער געהאלטן אין איין פרעגן דעם איידעם "ווי אזוי האסטו כח צו גיין אזא לאנגן וועג יעדע וואך, וואך איין וואך אויס", האט דער אינגערמאן געענטפערט צום שווער: "עס ווענדט זיך וואו מען גייט, אז איך ווייס איך גיי יעצט אויפפיקן א מיליאן דאללער וואלט איך געגאנגען אפילו צוויי שעה אין איין צי, איך גיי צום ראש ישיבה, איך באקום דארט מיליאן דאללער"; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: זיין שווער טראכט זיכער: 'איז דאס טאקע אזוי, דאס איז ממש ווי א מיליאן דאללער...?' ענטפערט דער ראש ישיבה שליט"א: דאס איז בכלל נישט קיין גוטע משל, ווייל פאר א מיליאן דאללער וואלט איך אויך נישט געגאנגען א שעה אהין און א שעה צוריק; נאר דאס איז אסאך מער פון מיליאן דאללער! דא באקום איך לעבן; איך באקום 'שלום בית', 'ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדער', 'ווי אזוי זיך אומגיין מיט זיך אליין'; דער רבי געבט אונז אזא זיסע שיינע עצה פאר אלע קאפדרייעניש וואס דער מח איז פארנומען א גאנצן טאג: 'מען האלט נישט פון מיר', 'מען האלט יא פון מיר': דער רבי זאגט: זאג משניות; משניות וועט דיך בארואיגן דיין מח.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: מוהרא"ש האט גענומען דעם מאמר חכמינו זכרונם לברכה (פרקי דרבי אליעזר פרק כט) אז אליהו הנביא קומט צו יעדע ברית מילה - נישט אויף עפעס א העכערע זאך נאר בתמימיות ופשיטות, אליהו הנביא געפונט זיך דא, מען קען

רעדן צו אים.

א אינגערמאן האט אמאל געזאגט פאר מוהרא"ש בעפאר א ברית מילה אז ער האט שוין געענדיגט א גרויסע צאל מאל 'ששה סדרי משנה', האט אים מוהרא"ש געזאגט: "אליהו הנביא קומט דאך יעצט, דערצייל עס פאר אליהו הנביא". אויך איז איינמאל צוגעגאנגען א בחור פון ישיבה צו מוהרא"ש בעטן א ברכה פאר א שידוך, דאס איז געווען בעפאר א ברית מילה, האט אים מוהרא"ש געזאגט: "באלד קומט דאך אליהו הנביא, בעט אליהו הנביא א שידוך". דאס האט מען געזען ביי יעדע ברית מילה ביי מוהרא"ש ווי ער האט אראפ געצויגן זיין טלית איבער'ן פנים און געוויינט צו אליהו הנביא.

מענטשן פרעגן אלץ דעם פראגע: צו וועמען רעדט מען, צום אייבערשטן אדער צו אליהו הנביא? די זעלבע פרעגן מענטשן ווען מען גייט צו קברי צדיקים, צום רבי'נס ציון אדער צו מוהרא"ש'ס ציון, צו וועמען רעדט מען, צום צדיק אדער צום אייבערשטן; זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: מען רעדט צום צדיק און מען רעדט צום אייבערשטן; מען רעדט צוביידע, דער צדיק איז דא און דער אייבערשטער איז דא; מען קען רעדן צום צדיק ממש אזוי ווי מען שמועסט מיט א לעבעדיגע מענטש.

רעדנדיג פון דאס גרויסקייט פון 'מקוה' האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: גלייך ווי איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש האב איך גענומען א חבר, ווייל דאס איז זייער א וויכטיגע זאך מען זאל האבן א נאנטן חבר מיט ווען מען שטארקט זיך אינאיינעם ביים צדיק; מיר פלעגן גיין צוזאמען צום היטש פלאץ, כאפן א היטש צו זיין ביי די שיעורים פון ליל שישי. אויפ'ן וועג פלעגן מיר שמועסן וואו מיר גייען, מיט גייען הערן דעם צדיק וכו' וכו'. איך האב זיך געפירט צו גיין אין מקוה בעפאר די שיעורים ווילנדיג זיך אפוואשן און אפרייניגן בעפאר מוהרא"ש קוקט אויף מיר, אבער מיין חבר האט געהאלטן אז מען זאל נישט גיין אין מקוה בעפאר דעם שיעור, ווייל דאס איז פונקט פארקערט ווי דעם ציל, פארוואס גייען מיר צו מוהרא"ש? כדי מוהרא"ש זאל אונז

לערנען ווי אזוי זיך צו פירן, איז בעסער נישט צו גיין אין מקוה בעפאר דעם שיעור כדי מוהרא"ש זאל אונז זען מיט אונזער גאנצע וואך, וואס מיר האבן אלץ געטון.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט: מען דארף טאקע וויכטיג האבן א חבר זיך צו שטארקן אינאיינעם, אבער מען דארף וויסן וואס הייסט א 'חבר'; א חבר מיינט נישט אז ער שערט זיך די בארד דארף איך יעצט זיך אויך אפ שערן די בארד, אז ער האט זיך געקויפט שמאלע הויזן וואס מען קען נישט ארויף ציען נאר מיט מסירת נפש... דארף איך דאס אויך קויפן, אז ער האט זיך געקויפט גלעזער וואס מען טוט אן פארקערט אויף די נאז דארף איך עס יעצט נאכטון; א חבר הייסט אז מען איז זיך מחזק אינאיינעם ביים צדיק.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס פון 'שמחה', זאגענדיג צו א בחור: מיין נישט אז דיין שידוך אליינס וועט דיך פרייליך מאכן, איך וועל דיר ווייזן 'אינגעלייט' וואס דרייען זיך ארום מיט לאנגע אראפגעלאזטע נעזער... זיי זענען צעבראכן; און דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט: איך פארשטיי נישט פארוואס איז ער אזוי צעבראכן, דו האסט דאך אזוי שטארק געוואלט חתונה האבן, דו פלעגסט אסאך וויינען דערויף, יעצט אז דו ביסט שוין חתונה געהאט ביסטו ווייטער טרויעריג?!; מען דארף אסאך ארבעטן צו זיין פרייליך, ווייל דאס איז זייער א שווערע זאך צו זיין שטענדיג פרייליך, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כ"ד): "כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשׁוֹךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחוֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן", א מענטש ציט בטבע צו עצבות און מרה שחורה צוליב די איבערגייעכצער וואס גייען אריבער אויף אים".

צו זיין צעבראכן איז נישט קיין שווערע זאך, ווייל בטבע ציט דער מענטש צו צעבראכנקייט; ער האט נישט קיין פרנסה - איז ער צעבראכן, ער האט יא פרנסה - איז ער ווידער צעבראכן: 'איך דארף מער געלט'; איז ער נישט חתונה געהאט - איז ער צעבראכן, איז ער יא חתונה געהאט - איז ער ווידער צעבראכן: 'איך מוטשע זיך מיט מיין שווער און שוויגער'; האט ער נישט קיין דזשאב - איז ער צעבראכן, האט ער יא א דזשאב -

איז ער ווידער צעבראכן: 'איך לייד פון מיין בעל הבית'; אזוי קען מען שטענדיג טרעפן זאכן פארוואס מען זאל זיין צעבראכן און אומצופרידן, דערפאר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם איך וויל זיין פרייליך".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: עס טאר נישט אריבער גיין א טאג אן לערנען לכל הפחות איין בלאט גמרא; מיר מאכן אם ירצה השם דעם קומענדיגן זונטאג פרשת ראה א שיינע סיום אויף מסכת שבת, ווייל עס זענען דא מענטשן וואס די דרשות רעדט נישט צו זיי, דאס מאכט זיי נאכנישט לערנען, אבער ווען זיי זעען קאלירטע טישטיכער און לעקטערס - דאס וועט זיי מאכן לערנען; אפשר וועל איך דורך דעם קענען פועל'ן אז נאך א אינגערמאן זאל עפענען א גמרא יעדן טאג.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: דער קונטרס 'בית נצחי' איז נישט געמאכט געווארן אז מען זאל אדורך לערנען דעם גאנצן קונטרס אום שבת, דאס איז געמאכט געווארן צו לערנען יעדן טאג - א בלאט בבלי, א בלאט ירושלמי און א פרק תוספתא; ווי אזוי איז מען זוכה צו לערנען יעדן טאג? אז מען בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער איך וויל לערנען יעדן טאג פון די אלע לימודים - בבלי, ירושלמי און תוספתא". און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: פארשטייט זיך אז אויב מען נישט געלערנט במשך די וואך דעם קונטרס 'בית נצחי' זאל מען עס טאקע צוענדיגן אום שבת, כדי מען זאל נישט ארויספאלן פון די לימודים.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו א חתן (מיט א ניגון): חתן, חתן, חתן, איך האב גרויס רחמנות אויף דיר, איך האב גרויס רחמנות אויף דיר...; און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אים: ביז יעצט, ווילאנג דו ביסט געווען אין ישיבה האסטו געקענט לערנען פלייסיג, דו האסט געקענט אנגעקומען צו אלע דיינע שיעורים, אבער אז דו גייסט חתונה האבן און דו דארפסט זיך זוכן א דזשאב, דארפסטו אכטונג געבן וועלכע דזשאב דו נעמסט, נעם אין אכט אז דו זאלסט נישט ארויס פאלן

פון לימוד התורה, דו זאלסט קענען יעדן טאג לערנען אביסל פון די הייליגע תורה.

א תלמיד הישיבה וואס וואוינט היינט אין טאהש האט מיר אנגערופן און זאגט מיר: "ראש ישיבה, וואס קען איך טון? אלס בחור פלעג איך לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות, עס איז מיר געווען אזוי גרינג דאס צו טון, אבער יעצט זייט איך האב חתונה געהאט בין איך אינגאנצן פארלוירן, איך שטיי אויף יעדן טאג זעקס אזייגער אינדערפרי, איך גיי אין מקוה, איך דאווען, איך ארבעט א גאנצן טאג אבער ביינאכט זע איך שטערנס..." ער וויינט צו מיר: "וואו קען איך אריין שטופן צו לערנען?";
- פירט דער ראש ישיבה שליט"א אויס צום חתן: דערפאר, אז די זוכסט א דזשאב געב אכטונג וועלכע דזשאב דו נעמסט; געדענק, דיין בעל הבית איז נישט דיין בעל הבית אויף דיין לעבן; איך קען נישט נעמען א דזשאב וואס איך וועל נישט קענען דאווענען שחרית, מנחה און מעריב, אדער וואס איך וועל נישט קענען לערנען.

א מענטש דארף וויסן נישט אלעס איז געלט; וואס איז ווערד א דזשאב אויב דו דארפסט ארבעטן בייטאג און ביינאכט - און עס בלייבט דיר נישט איבער קיין צייט צו לערנען און דאווענען, און צו פארברענגען מיט דיין ווייב און קינדער?!

און דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: עס איז געווען אמאל א טאטע וואס איז געווען א גאנצע וואך פארנומען מיט זיין פרנסה, ער האט געארבעט בייטאג און ביינאכט, ער האט נישט געזען זיינע קינדער א גאנצע וואך אויסער שבת, איינמאל האט זיך געמאכט אינמיטן וואך אז ער האט געדארפט אהיים קומען אינמיטן טאג עפעס פארריכטן אין שטוב, האט זיין קליין קינד זיך אנגערופן צום מאמען: "מאמי, דער טאטע וואס שלאגט אונז שבת איז אנגעקומען"...

און דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט ווייטער: מיין קליין קינד האט גענומען מיין טעלעפאון און אריין געווארפן אינעם בית הכסא, האט מיין דריי יעריגער זון דאס דערציילט פאר זיין חבר, פרעגט דער חבר מיין זון מיט א תמימות: "דיין טאטע האט אים גגעבן א פראסק?"

- זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: פארוואס קומט א פראסק פאר דעם קליין קינד, ער איז נישט שולדיג, ער האט נישט געכאפט וואס ער האט געטון; דו פראסקעסט דיינע קינדער ווייל דו ארבעטס איבער דיינע כוחות, דו ביסט מורא'דיג איבער געשטרענגט, ארבעט ווייניגער וועלן דיינע קינדער נישט כאפן פון דיר קיין פראסקעס...

אוודאי דארף מען מאכן געלט, אבער לאז איבער אביסל צייט אין טאג צו קענען דאווענען שחרית, מנחה און מעריב, און לערנען אביסל חומש, משניות און גמרא, און זאגן אביסל תהלים.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג חזר'ן מיט אונז: "א וואך וואס מען איז מעביר סדרה וועט מען האבן א געבענטשטע וואך, און א וואך וואס מען איז נישט מעביר סדרה וועט מען האבן א הפסד מיט געלט אדער נאך ערגערס חס ושלום".

אינמיטן די באטע האט זיך צופיפן די הצלה רעדיא פון איינער פון די אינגעלייט, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "לויף ראטעווען דעם חולה", האט דער אינגערמאן געזאגט אז דאס איז נישט פון דעם געגענט, איז דער ראש ישיבה שליט"א דערביי אריין אין א שמועס פון 'חברה הצלה', און געזאגט: מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זיין אן "הצלה מאן", חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין לז.): "כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב, כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא", אז א מענטש ראטעוועט אפילו נאר איין מענטש, רעכענט מען אים אזוי ווי ער האט אויפגעשטעלט א גאנצע וועלט; ברוך השם מיר האבן שוין דריי הצלה מעמבערס אין שטעטל, און נאך עטליכע אינגעלייט האלטן זיך שוין אינמיטן לערנען צו ווערן הצלה מעמבערס. מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געוואלט האבן אין יבניאל זעקס און דרייסיג הצלה מעמבערס, זאגענדיג אז זיי זענען די ל"ו צדיקים.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט פון איינער פון די אינגעלייט: "נו, דו האסט שוין אריין געגעבן אן אפליקאציע פאר די חברה הצלה זיי זאלן דיר אננעמען?"

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט ווי דער בחור וואס טראגט די קינדער אין חדר האט געראטעוועט א קינד אויפ'ן באס, דער בחור האט געזען ווי דאס קינד דערשטיקט זיך, האט ער זיך דערמאנט וואס ער האט געזען געשריבן אויפ'ן קארן פלעקס באקס ווי אזוי מען ראטעוועט דעם קינד, האט ער איבער געדריידט דאס קינד און געהאקט ביז דער קינד האט צוריק געכאפט זיין אטעם; ווען מעןווארט ווען ביז אן הצלה מאן קומט אן וואלט שוין געווען צו שפעט...

האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: יעדער איינער ווען ער הערט א מעשה הערט ער וואס ער וויל הערן, מיין קאפ לויפ אויף 'הפצה' הער איך אין אלעס איבער 'הפצה'; האב איך געטראכט צו זיך, קוק, ווער עס זעט די בילדער אויפ'ן קארן פלעקס באקס וואס לערנט אויס ווי אזוי צו ראטעווען איינער וואס דערשטיקט זיך וואונדערט זיך 'וואס וויל יענער פון מיר? איך האלט אינמיטן עסן, וואס איז די מעשה מיט דעם מענטש וואס לייגט ארויף די בילדער, ער האט פשוט נישט וואס צו טון...?' אבער דא האט עס געראטעוועט א קינד צום לעבן, - דאס זעלבע איז מיט 'הפצה', מענטשן וואונדערן זיך 'וואס גייט פאר מיט די מפיצים זיי גייען ארום אין די הייזער, אין די געשעפטן און אין די בתי מדרשים וכדומה און פארפלייצן דעם רבי'נס ספרים, וואס ווילן זיי? זיי האבן פשוט נישט וואס צו טון...?' אבער אז מען קוקט גוט זעט מען ווי זיי ראטעווען צענדליגער טויזנטער מענטשן פון שלעכטס. די מפיצים האבן אן א שיעור מעשיות ווי די ספרים ראטעווען בחורים און מיידלעך, אינגעלייט און ווייבלעך וכו' וכו' פון די ערגסטע זאכן רחמנא לצלן.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געענדיגט דעם שמועס און געזאגט: דער בעל הברית העלפט מיר מיט די 'עצתו אמונה', האט ער מיר געבעטן איך זאל אים מסדר זיין די כיבודים צום ברית, האב איך אים געזאגט: פאר מיר זאלסטו געבן 'עצתו אמונה', דאס איז די גרעסטער כיבוד..."

# שיחות וסיפורים

## הפצה ברענגט שפע

מז) א אינגערמאן האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א אויב ער זאל עפענען א געוויסע ביזנעס, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט ער זאל דאס טון, נאר אויב ער וועט גיין הפצה צוויי שעה יעדן טאג, ווען דער אינגערמאן האט געפרעגט צו דאס האט צו טון מיט די ביזנעס האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איך וויל דאך זאלסט אויך מאכן געלט, נישט סתם ארבעטן אומזיסט... (דער ראש ישיבה שליט"א האט געוואלט ארויסברענגען אז פון גיין יעדן טאג אביסל הפצה קען מען מער פארדינען ווי פון סיי וועלכע ביזנעס.)

## דאס גרויסקייט פון א חבר

מח) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "עס איז געווען א אינגערמאן וואס איז מקורב געווארן צו מוהרא"ש, ער פלעגט דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, היכל הקודש איז געווען זיין גאנצע חיות, ער פלעגט אלץ ארויסהעלפן צוגרייטן מזונות פאר'ן קידוש פון שבת צופרי, ווי אויך פלעגט ער זיצן און לערנען אויפ'ן רבינ'ס סדר דרך הלימוד מיט א מורא'דיגע חיות און א ברען, איין שיינעם טאג האט ער אויפגעהערט דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש, אפאר טאג דערויף איז ער ארויפגעקומען אין ישיבה מיט א קעסטל וואס האט ענטהאלטן אלע ברסלב'ע ספרים וואס ער האט פארמאגט, ווי אויך אלע ספרים פון מוהרא"ש, ער איז געקומען דאס איבערלאזן אין ישיבה".

האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "איך האב אים אנגערופן, איך האב געוואלט רעדן מיט אים, אפשר וועל איך אים קענען מחזק זיין וכו', למעשה האט ער מיר געזאגט 'עס איז נישט אינטערעסאנט צו רעדן' וכו'; ער האט שוין אפגעמאכט ער לאזט אפ היכל הקודש ווייל ער האט געהערט מוהרא"ש האט געהייסן אין ארץ ישראל גיין צו די בחירות וכו'.

איך בין געווען זייער צעבראכן; א תלמיד פון מוהרא"ש וואס האט געלערנט אזוי פלייסיג אויפ'ן סדר דרך הלימוד און האט זיך אזוי מחיה געווען מיט יעדן שיעור פון מוהרא"ש, איז געווארן אפגעקילט פון אין מינוט אויפ'ן צווייטן צוליב א חלישות הדעת וכו', ווער ווייסט וואס קען פאסירן מיט מיר?

האב איך דעמאלט געשמועסט מיט אפאר תלמידים און איך האב געפרעגט דעם קושיא: "וויאזוי קען זיין, א אינגערמאן וואס איז געזעסן אין א ווינקל אין היכל הקודש און מיט קיינעם נישט גערעדט, מיט קיינעם נישט געהאט צוטון וכו', זאל אפלאזן מוהרא"ש אין איין מינוט?

האט א אינגערמאן מיר געענטפערט: "אפשר איז טאקע דאס די סיבה פארוואס ער האט אפגעלאזט היכל הקודש - ווייל ער האט מיט קיינעם נישט געהאט צוטון, ער האט נישט געהאט קיין 'שיחות חבירים'"?

האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעשטומט אז דאס איז טאקע די סיבה; א מענטש וואס האט א חבר, און ווען עס קומט אים אריין בלבולים און ספיקות וכו' שמועסט ער דאס אויס מיט זיין חבר און זיי זענען זיך אינאיינעם מחזק, דער קען זיך דערהאלטן, אבער אויב מען גייט אליין, 'מען האט נישט מיט קיינעם צוטון', דעמאלט קען דער ס"מ זייער גרינג מחליש דעת זיין דעם מענטש און אים אוועקשלעפן פונעם צדיק וכו'.

## זיי קלוג

מט) שבת קודש פרשת עקב ביי די סעודה האבן איינער פון די ראש ישיבה'ס קינדער געטרינקן די זופ פונעם טעלער, האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "עס איז געקומען צו מיר א איד פון ארץ ישראל, און זיך אפגערעדט צו מיר אז ער גייט זיך גט'ן, ממש זיין ווייב לאזט אין נישט מנוחה... ער וויל טרינקן די זופ, און זיין ווייב זאגט אים 'עס פאסט נישט עס זענען דא געסט' וכו', האט יענער געזאגט פאר'ן ראש ישיבה 'איך בין עפעס א קינד'?! 'זי וועט מיר איינטיילן וויאזוי צו עסן'?; למעשה האבן זיי זיך גע'גט". דער ראש ישיבה שליט"א האט מסביר געווען מען

קען אמאל זען א מענטש וואס זעט אויס ווי א קלוגער, איינער וואס פארשטייט אן עסק, אבער אין שטוב האט ער נישט די פשוט'ע שכל זיך צו אדורכקומען און 'זיין קלוג נישט געדעכט'.

דער ראש ישיבה האט דערנאך געפרעגט פון זיין קינד: "אויב דיין ווייב וועט נישט וועלן דו זאלסט טרינקען די זופ וועסטו דיך צעקריגן מיט איר?"...

## א גוטער מלמד

נ) ביים מסדר זיין די כיתות פאר דעם קומענדיגן יאר שנת תשפ"א האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צו איינער פון די מלמדים וואס גייען אנהייבן לערנען מיט די קינדער משניות: "דו זאלסט זיך לערנען פון מיר וויאזוי מען דארף לערנען מיט קינדער, מען דארף איבערגיין א משנה צענדליגע מאל מיט די קינדער ביז דאס גייט זיי אריין אין קאפ און אלע קענען דאס גוט, הערשט דערנאך קען מען גיין צום קומענדיגן שטיקל; עס איז נישט קיין קונץ צו לערנען עטליכע מאל ביז די פאר אינגלעך מיט גוטע קעפ קענען שוין די משנה און גיין ווייטער בשעת רוב קלאס האט נאכנישט פארשטאנען, פאר די פאר גוטע קעפ דארף מען נישט דעם מלמד, זיי קענען לערנען אן אים אויך, מען נעמט אויף דעם מלמד אז א יעדער אינגל אפילו דער שוואכסטער קאפ זאל אויך קענען גוט פארשטיין די לימודים וואס מען לערנט אין כיתה.

## מעשיות פון הפצה

נא) ווען מען האט מסיים געווען מסכת שבת ביי די פארנאכטס גמרא שיעור אין שטעטל האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך צוגעזעצט און זיך אנגערופן: "אמאל פלעגט מען מיר רופן צו א סיום אין שטעטל... מען רופט מיר מער נישט צו קיין סיומים"?... דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט פון הפצה און געבעטן: "יעדער זאל דערציילן "א

מעשה פון הפצה"; אזוי ווי מען זיצט היינט און מען דערציילט "מעשיות פון תפילה", וועט נאך קומען א צייט וואס מען וועט זיך צאמזעצן און דערציילן "מעשיות פון הפצה"...; די ווארט 'מעשה פון תפילה' האט זיך אנגעהויבן תשס"ט (ווען די הייליגע ישיבה תפארת התורה האט זיך געעפנט), פארדעם האט נישט עקזיסטירט אזא ווארט... אזוי אויך "שכ'ח אייבערשטער"... פארדעם האט קיינער זיך נישט באניצט מיט דעם ווארט...

די אינגעלייט האבן דערציילט שיינע מעשיות פון הפצה; דערנאך האט איינער אנגעהויבן דערציילן שעמעוודיג, און דער ראש ישיבה שליט"א האט עטליכע מאל געפרעגט, "האסט אים געגעבן?", "ער האט גענומען?", "וואס האט ער געזאגט?", דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "איך וויל הערן אלעס וואס מענטשן זאגן אויף די ספרים, אזוי ווי ווען דער רבי האט געשיקט ר' זלמן צו גיין נעמען הסכמות אויפ'ן לקוטי מוהר"ן, האט אים דער רבי געזאגט ער זאל אפשרייבן פונקטליך יעדן ווארט און יעדן תנועה פון אלע וואס ער איז געגאנגען אפנעמען אן הסכמה"...

דערנאך האט איינער דערציילט אז ער האט געטראפן א מאדערענער איד, און האט אים געבעטן צדקה, האט יענער צוריקגעפרעגט מיט לצנות: "'צדקה' איז די איינציגסטע ווארט וואס דו ווייסט"?! דו ווייסט נישט פון נאך א ווארט אויסער 'צדקה'? האט דער מפיץ געענטפערט: "איך האב יא א שיינעם ווארט, 'דער אייבערשטער האט דיר ליב'"... דער איד האט זיך בארואיגט און גענומען א ספר און געגעבן צדקה. דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער הנאה געהאט פון וואס דער מפיץ האט געענטפערט.

## זיך נישט לאזן נער'ן

נב) ביים באטע שבת פרשת ראה האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט ווי ווייט מען קען פארנארן מענטשן בגשמיות וברוחניות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכ'ן באטע דערציילט: "א בחור וואס האט זיך געדרייט אין ישיבה איז געגאנגן ארבעטן, זיין ארבעטס געבער האט אים געגעבן זיין 'שיינעם קאר' צו דרייוון, ווען עס איז געקומען צום באצאלן די וועכנטליכע געהאלט האט דער 'בעל הבית' געזאגט פאר'ן בחור "עס איז ממש א שאד איך זאל דיר צאלן יעדע וואך, דו וועסט גלייך פאר'תכל'עווען דיין גאנצע געלט, ענדערש לאז מיר האלטן די געלט פאר דיר, ווי נאר דו דארפסט די געלט וועל איך דיר עס אפגעבן"... און דער בחור האט זיך ממש צעריסן פאר אים וכו', נאך א האלב יאר, 'ווי נאר ער האט געוואלט מאנען זיין געהאלט האט דער 'בעל הבית' אויפגענומען א צווייטן זאל אים דרייוון און ארבעטן פאר אים' און דער בחור איז געבליבן אויסגעשפילט מיט ליידיגע הענט".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך שעם זיך אז מיינע בחורים האבן נישט די שכל צו וויסן מען געטרויעט נישט קיינעם מיט געלט, א מענטש ארבעט אויף א פלאץ צוויי-דריי וואכן און זעט מען צאלט אים נישט, זאל ער זיכן א צווייטע פרנסה ווי מען איז ערליך און מען צאלט".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ נאך פון מוהרא"ש "מה שביד בטוח" - "וואס איך האב אין דער האנט דאס איז זיכער"; סיי אין גשמיות ווי די אויבנדערמאנטע מעשה, א מענטש טאר זיך נישט לאזן פארפירן פון מענטשן, און כל שכן ווען עס קומט צו רחניות; נישט סתם גלייבן אין א מענטש זיבעציג יאר, אפילו אויב ער פאר זיך איז זייער הייליג, אבער ער קען מיר נישט העלפן אין מיין לעבן, מיט מיינע נסיונות און איבערגייעכטס וכו'; א מענטש דארף זוכן א צדיק וואס פארשטייט אים און קען אים אויפלעבן, א צדיק וואס קען אים עפענען זיין מויל צו רעדן צום אייבערשטן, א צדיק וואס קען אים מאכן לערנען, ער זאל האבן 'עפעס אין דער האנט'.

## א צאמגענומענע שטוב

נג) נאכ'ן שיעור פונעם סיום רמב"ם מוצאי שבעה עשר בתמוז האט

זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן צו א בחור: "קער אויס און גרייט צו דעם שול פאר מארגן; לאז נישט איבער קיין ארבעט אויף מארגן". דער ראש ישיבה שליט"א האט אים דערנאך געזאגט: "דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט טרעפן א גוטע שידוך, א ווייב וואס לאזט נישט איבער שמוציגע געשיר איבערנאכט, און גייט נישט שלאפן פאר אלעס איז געוואשן און די קאך איז ריין און זויבער". דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך דערציילט: "איך בין געווען ביי א אינגערמאן אינדערהיים, איך קום אריין, יעדער איז שוין געשלאפן אויסער דעם אינגערמאן, איך זע ווי די קאך איז אינגאנצן איבערגעדרייט, אויף די טיש איז נאך געווען עסן, ס'האט אויסגעזען ווי אינמיטן טאג", און דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט: "אזוי וואוינט א איד, א איד מעג אזוי וואוינען?; ביי ערליכע שטובער גייט מען נישט שלאפן פאר אלעס איז געוואשן, זויבער און אוועקגעלייגט.

# שיחות פון פריערדיגע יארן

## מאכן קידוש אויף ספורי מעשיות

נד) איין שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען איז נישט געווען קיין גרעיפ דשוס צו מאכן קידוש, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "נו, וועט מען עסן ספורי מעשיות..." און דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן צו פארלערנען ספורי מעשיות מיט א געשמאק...